ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת וישב

סיי ביי יוסף און סיי ביי פרעה זיינען געווען צוויי חלומות מיט'ן זעלבן מיין: ביי פרעה זאגט די תורה פארוואס דער חלום האט זיך איבער געחזר'ט "ועל השנות החלום". אבער ביי יוסף שטייט ניט קיין טעם.

דארף מען פארשטיין:

פארוואס האט יוסף געחלומ'ט צוויי חלומות?

דער ענטפער איז:

דער אונטערשייד צווישען די צוויי חלומות פון יוסף איז: דער ערשטער חלום איז געווען וועגן ערדישע זאכן, "והנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה". דער צווייטער חלום איז וועגן הימלישע זאכן, "השמש והירח ואחד עשר כוכבים".

ביי פרעה זיינען ביידע חלומות געווען וועגן ערדישע זאכן. איין חלום וועגן פרות און איין חלום וועגן שבלים. אבער צו הימלישע זאכן האט פרעה קיין שייכות ניט.

דאס איז די הוראה פאר אונז: ביי יוסף און ביי אלע אידן דארפן ערדישע זאכן העלפן צו רוחניות. דער רמב"ם זאגט אז "היות הגוף בריא ושלם מדרכי השם הוא". אז דער גוף זאל זיין געזונט, איז אויך פון די וועגן פון דינען דעם אויבערשטן. מען עסט און שלאפט און שפילט לשם שמים.

צום סוף פון ספר תהלים ("אהל יוסף יצחק") איז געדרוקט א סיפור. דער רבי מהר"ש'ס קינדער האבן געהאט א וויכוח וועגן די מעלה פון א איד אויף א ניט אידן. האט דער רבי מהר"ש גערופן דעם קוטשער איוואן, א גוי, און זיין משרת ר' בנציון. דער רבי האט געפרעגט ביים גוי: האסטו היינט געגעסן? יע. האסטו גוט געגעסן? יע. צוליב וואס האסטו געגעסן? כדי איך זאל לעבן. צוליב וואס דארפסטו לעבן? כדי צו נעמען א טרונק בראנפן און פארבייסן.

ביי בנציון האט אויך דער רבי געפרעגט: האסט געגעסן? יע. האסט גוט געגעסן? וואס הייסט גוט, זאט ברוך השם. און צוליב וואס האסטו געגעסן? כדי צו לעבן. און צוליב וואס לעבסטו? כדי איך זאל קענען זיין א איד און טאן וואס דער אויבערשטער וויל. און בנציון האט א קרעכץ געטאן.

האט דער רבי מהר"ש געזאגט צו זיינע קינדער: איר זעט! א איד בטבעו עסט כדי ער זאל לעבן, און דארף לעבן כדי ער זאל טאן וואס דער אויבערשטער וויל, און גיט נאך א קרעכץ אויך. ער פילט אז עס איז נאך ניט מיט'ן ריינעם אמת.

דער זעלבער אונטערשייד איז פאראן צווישן יוסף און פרעה.

(לקו"ש ח"ג ע' 805)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## חנוכה

---

די מצוה פון נר חנוכה איז אויסגעטיילט פון אלע מצוות אין צוויי זאכען: (א) אין אלע מצוות איז פאראן דער מצוה כתיקונה און דער הידור פון דער מצוה. ביי חנוכה איז פאראן אויך מהדרין מן המהדרין. (ב) ביי אלע מצוות זיינען רוב אידן מקיים בלויז די מצוה אליין. די מצוה פון נר חנוכה זיינען אלע אידן מקיים די מצוה אין א אופן פון מהדרין מן המהדרין.

דער טעם אויף דעם איז:

דער אויבערשטער פירט זיך מיט אידן אין דריי וועגן: (א) א נאטירלעכע וועג. (ב) מיט א נס - אזוי ווי דער געווינען די מלחמה פון די חשמונאים, וועלכע זיינען "מעטים" און "חלשים" און האבן מנצח געווען די "רבים" און "גבורים". (ג) א וועג וואס איז העכער פון נס - ווי למשל דער נס פון די נרות וועלכע איז על פי דין ניט געווען נויטיג (ווייל טומאה הותרה בצבור) נאר דער אויבערשטער האט געמאכט דעם נס להראות חיבתן של ישראל.

די דריי אויבנדערמאנטע הנהגות פון דעם אויבערשטן, קומען לויט דריי אופנים אין דער עבודה פון א אידן:

(א) טאן א מצוה אין איר געוויינליכע וועג ברייגנט די הנהגה פון טבע. (ב) טאן א מצוה מיט הידור ברייגנט די הנהגה פון א נס. (ג) טאן א מצוה מיט מסירת נפש ברייגנט די הנהגה פון א נס להראות חיבתן של ישראל.

אזוי ווי חנוכה זיינען אידן געשטאנען מיט מסירת נפש. זיי האבן געהאלטן מלחמה מיט די יוונים וועלכע זיינען געווען פיל מער און שטארקער פון זיי. זיי זיינען געווען גרייט אוועק צו געבן זייער לעבן פאר זייער אמונה און פאר תורה און מצוות. דערפאר האט דער אויבערשטער געמאכט דעם נס אז די מנורה זאל ברענען אכט טעג.

דערפאר האט דער נס חנוכה ארויסגערופן ביי אלע אידן דעם קיום המצוה אין אן אופן פון מהדרין מן המהדרין.

(לקו"ש ח"א ע' 92)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"